הפרה מיט אפר פון דער פרה וואָס איז געוואָרן געמאַכט דורך משה רבינו אַליין, בכדי ער זאָל וויסן אַז ער טוט עס בכוחו של משה.

ד) מען קען דאָך אָבער אַריינלאָזן זיך בלויז אין דעם קו פון טאָן מיט אַ צוויטן און פאַרגעסן אויף זיך אַליין — אויף דעם איז געווען דער אפר "למשמרת", מען זאָל וויסן אַז מען דאַרף אויך טראַכטן וועגן זיך, כנ"ל.

(משיחות ש"פ חוקת תש"י וש"פ חו"ב תשי"ב)

# י"ב וי"ג תמוז

א. צווישן די סיפּורים וואָס דער רבי, בעל השמחה והגאולה, האָט דערציילט [1]) וועגן זיין מאסר און גאולה, זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס דערציילן וועגן דער צייט ווען דער אַרעסט איז נאָך געווען בתקפו.

איינער פון די סיפּורים איז:

באַלד ווי מען האָט דעם רבי'ן אַריינגעפירט אין תפיסה, האָט ער ביי זיך געמאַכט אַ פעסטן באַשלוס, אַז ער זאָל זיך ח"ו ניט פאַרלירן, און ער זאָל פאַר זיי (די לייט פון גע־פּע־אוּ) כלל ניט נתפעל ווערן. ניט נאָר זאָל ער זיך ניט רעכענען מיט זיי אין זאַכן וואָס זיינען נוגע צו יראת שמים, נאָר ער זאָל זיי בכלל ניט האַלטן פאַר קיין מציאות. ביז ער האָט אויף זיי געקוקט ווי זיי וואָלטן זיין — בלשון הרב — "כאין ואפס ממש".

אָט דער מצב הנפש האָט זיך ביי אים ניט געענדערט אויך נאָך דעם ווי ער איז שוין באַשטראָפט געוואָרן פאַר ניט וועלן ענטפערן אויף זייערע אַ שאלה. די שטראָף איז געווען, אַז מען האָט אים פאַרשפּאַרט אין אַ קעלער וואָס איז געווען אָנגעפילט ביז אַ געוויסער הויך מיט בלאָטע. אויף וואָס צו אָנשפּאַרן זיך איז ניט געווען. דער־צו זיינען אין דער בלאָטע און אויף די ווענט אַרומגעקראָכן עכברים ורמ־שים. און אין אָט־דעם קעלער האָט מען אים אָפּגעהאַלטן אַ קאַרגן מעת־לעת. אָבער אויך נאָכדעם, איז ביי אים אַלץ געבליבן די שטאַרקע החלטה, אַז ער זאָל זיך ניט רעכענען מיט זיי — זיי זיינען כאין ואפס ממש.

(אין דער תפיסה־קאַמער וואו דער רבי איז געזעסן, האָט מען ניט געקענט אונטערשיידן צווישן טאָג און נאַכט, ווייל אין דער קאַמער איז געווען ניט מער ווי איין קליינע פענסטער אונטער דער סטעלע (סילינג), און אויך די פענסטער איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ קעגנאיבערדיקער וואַנט, וואָס האָט צום חדר ניט צוגעלאָזן די ליכט פון טאָג. נאָר לויט די איינגעשטעלטע סדרי בית הסוהר, און די באַשטימטע שטונדן אויף צו ברענגען וואַרעם וואַ־סער א.א.וו., האָט דער רבי געוואוסט צו מבחין זיין די שעות פון טאָג) [2]).

דאָנערשטיק, ר"ח תמוז, עלף אַזייגער פאַרמיטאָג (אין דעם סיפּור האָט דער רבי צוגעגעבן, אַז בכלל פלעגט ער אין טורמע דאַוונען באריכות) זיינען אַריינ־געקומען שוטרים אין זיין צימער און

1) ג' תמוז תש"א.

2) ראה לקו"ד ע' תרנט.

אים באַפוילן זיך אויפצושטעלן. — די שוטרים האָבן גערעדט רוסיש, אָבער דעם רבי'נס סדר איז געווען, אַז ער פלעגט זיי ענטפערן אויף אידיש — האָט ער זיי געענטפערט, אַז ער וועט זיך ניט אויפשטעלן.

— אין דער טורמע איז געווען איינגעפירט, אַז בשעת מ'גיט איבער דעם אַרעסטירטן עפּעס אַ ידיעה, דאַרף ער זי אויפנעמען שטייענדי־קערהייט, דאָס האָט געדאַרפט וויזן אַז דער אַרעסטירטער איז אונטער־וואָרפן זייער הערשאַפט, און דערפאַר האָט דאָס דער רבי ניט געוואָלט אויפ־שטיין. —

וויזט אויס, אַז איינער פון די שוטרים איז געווען אַ איד, וואָס האָט פאַרשטאַנען דעם ענטפער אויף אידיש. אויף דעם רבי'נס ענטפער האָבן זיי צו אים ווידער געזאָגט אויף רוסיש: „אויב דו וועסט ניט פאָלגן, וועלן מיר דיר שלאָגן!" האָט דער רבי געענטפערט: „נו". די שוטרים האָבן טאַקע געטאָן אַזוי ווי זיי האָבן געזאָגט, און זיינען אַרויס פון חדר.

שפּעטער איז אַריינגעקומען אַ צווייטע גרופּע שוטרים, צווישן וועלכע ס'איז געווען אויך לולאָוו (איינער פון די וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין אַרעסטירן דעם רבי'ן, אין ברענגען אים אין תפיסה און אויך אין זיין אויספאַרשונג). לולאָוו האָט געשטאַמט פון חסידים, און ער האָט זיינע רייד צום רבי'ן אָנגעהויבן מיטן וואָרט „רבי", זאָגנדיק: „רבי! וואָס פאַר־פירט איר זיך מיט זיי? וואָס מאַכט איר מיט זיי מחזקות? זיי קומען דאָך איך אָנזאָגן אַ פאַרלייכטערונג — איז אַז מ'הייסט אייך שטעלן זיך, דאַרפט איר זיך אויפשטעלן!" דער רבי האָט אויף דעם גאָרניט געענטפערט. האָט לולאָוו ווידער געזאָגט: „וועלן זיי דאָך איך שלאָגן?" אָבער אויך אויף דעם האָט דער רבי ניט געענטפערט. האָבן זיי אים נאָכאַמאָל געשלאָגן (איינער פון זיי האָט אים געגעבן אַ קלאַפּ תחת הסנטר, אונטער דער קין, וואָס דעם ווייטיק דערפון האָט דער רבי געפילט אַ לאַנגע צייט שפּעטער), און זיינען אַוועק.

אויך דערנאָך ווען ס'איז געקומען אַ גרופּע שוטרים צום דריטן מאָל (אויך צווישן זיי איז געווען אַ איד מיטן נאָמען קאַוואַלאָוו), און אים געהייסן זיך אויפשטעלן, האָט דער רבי געענטפערט אַז ער וועט זיך ניט אויפשטעלן. מען האָט אים ווידער געשלאָגן (דער וואָס האָט געשלאָגן איז געווען קאַוואַלאָוו), אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפן, קאַוואַלאָוו אין אַריין אין רציחה און מיט כעס געזאָגט: „מי טיעביאַ נאַאוטשים" (מיר וועלן דיר אָנלערנען), האָט דער רבי געענטפערט (באידיש): „עס וועט זיך ווער ווע־מען".

אַ געוויסע צייט שפּעטער זיינען אַריינגעקומען שוטרים און האָבן אים געזאָגט, אַז ער זאָל אַריינגיין אין קאַנצעלאַריע (אָפיס). דאָרט האָט מען אים אָנגעזאָגט די ידיעה — די פאַר־לייכטערונג וואָס לולאָוו האָט דערמאָנט — אַז מ'לאָזט אים אַרויס פון בית האסורים, און מ'פאַרשיקט אים אויף דריי יאָר גלות אין דער שטאָט קאָסטראָמאַ.

בשעת דער רבי איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט ער געזען אַז עס ליגט אויפן טיש די פּאַפּירן פון זיין „דיעלע" (קעיס). אויף די פּאַפּירן האָט ער באַמערקט אַן אָנגעשריבענע שורה וואָס איז געוואָרן אויסגעשטראָכן, (אין דער

שורה איז געשטאַנען אַז מ'האָט אים פאַר'משפט למות ר"ל. וויבאַלד אַז דער רבי האָט עס דערציילט בחיים חיותו בעלמא דין, האָט ער דאָס ניט געוואָלט אַרויסזאָגן בדיבור, נאָר האָט דערציילט אַז אַ שורה איז געווען אָב־געשריבן און אויסגעמעקט). ווייטער איז געווען אַ געשריבענע שורה מיט אַ פסק דין, אַז דער רבי זאָל פאַרשיקט ווערן אויף צען יאָר קאַטאָרגע אויף סאָלאָווקי. דערביי איז געשטאַנען דאָס וואָרט „ניעט!" (ניין!), צום סוף איז געווען צוגעשריבן דער אורטייל: „דריי יאָר קאָסטראָמאָ".

בשעת מ'האָט מודיע געווען דעם רבי'ן אַז מ'פאַרשיקט אים אויף דריי יאָר קיין קאָסטראָמאָ, האָט מען אים געפרעגט, מיט וועלכער באַן וויל ער פאָרן אַהין, האָט ער געענטפערט: מיט „מעזשדונאַראָדנע" („מעזשדונאַראָדנע" האָט מען גערופן די וואַגאָנען אין וועלכע עס פלעגן פאָרן רעגירונגס־באַאַמטע אָדער גבירים). האָט מען אים געפרעגט, צי ער האָט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר דעם — עס קאָסט דאָך טייער? האָט ער געענטפערט, אַז אויב דאָס געלט וואָס ער האָט ליגן אין דער ביוראָ, וואָס מ'האָט ביי אים צוגענומען בשעת מ'האָט אים אַרעסטירט, איז ניט גענוג, וועט ער הייסן אַז מ'זאָל פאַר דער נסיעה באַצאָלן פון דער היים.

די באַאַמטע האָבן אויף דעם מסכים געווען און זיי האָבן אים געלאָזט וויסן, אַז צוויי אַזייגער בייטאָג וועט מען אים באַפרייען פון תפיסה. זיי האָבן אים דערלויבט צו פאַרברענגען זעקס שעה מיט זיינען בני בית, און אים אָנגעזאָגט אַז ביינאַכט וועט ער מוזן פאַרלאָזן די שטאָט און פאָרן קיין קאָסטראָמאָ.

אַזוי ווי דאָס איז געווען דאָנערשטיק, האָט דער רבי געפרעגט: ווען וועט ער אָנקומען אין קאָסטראָמאָ? האָבן זיי געענטפערט אַז ער וועט אַהין אָנקומען שבת. דער רבי האָט אויף דעם געזאָגט, אַז שבת וועט ער בשום אופן ניט פאָרן. דערציילנדיק דעם סיפור האָט דער רבי מסיים געווען: ב"ה, איך בין שבת ניט געפאָרן! איך בין געבליבן זיצן אין טורמע ביז זונטאָג — וויבאַלד אַז דאָנערשטיק האָט ער דאָך ניט געוואָלט פאָרן, און צו פאַרבלייבן אַ לענגערע צייט אין דער היים האָט מען אים ניט געוואָלט דערלויבן, האָט מען אים פאַרהאַלטן אין תפיסה ביז זונטאָג. זונטאָג בייטאָג איז ער געקומען אַהיים און ביינאַכט איז ער אַרויסגעפאָרן קיין קאָסטראָמאָ.

צו דעם סיפור האָט דער רבי מוסיף געווען אַז החסיד ר' מיכאל דוואָרקין איז אין קאָסטראָמאָ אָנגעקומען פריער (ווי דער רבי) און אין דער צייט (ביז דעם רבי'נס קומען), האָט ר' מיכאל צוזאַמענגעקליבן אינגלעך, און מיט זיי געגרינדעט אַ חדר, און ער האָט אויך געזען אַז מען זאָל פאַרריכטן די מקוה וואָס איז דאָרט געווען.

דאָס הייסט: אַט־די זעלבע פעולות, פאַר וועלכע מ'האָט דעם רבי'ן אַרעס־טירט און פאַר'משפט למות ר"ל — און דורך השתדלות ובאופן ניסי האָט מען דעם אורטייל פאַרביטן אויף דריי יאָר גלות — די זעלביקע אַרבעט האָט ער געטאָן באַלד ביים אַרויסגיין פון תפי־סה: נאָך איידער ער אַליין איז געקו־מען אין קאָסטראָמאָ — „שלח להורות לפניו גושנה", ער האָט אַהין געשיקט אַ שליח, ער זאָל דאָרט גרינדן אַ חדר און פאַרריכטן אַ מקוה לרבים.

ב. סיפורים וועגן מאורעות וואָס האָבן פאַסירט ביי אַ נשיא, ובפרט אַז ער האָט עס נאָך איבער־דערציילט, זיינען — הוראות בעבודתינו.

איינע פון די הוראות פון דעם סיפור איז: נאָכדעם ווי דער רבי נשיא הדור פתח[3] — האָט געעפענט דעם וועג — איז אַז אַ איד באַשליסט ביי זיך מיט אַ תוקף גדול, אַז אַלע פאַרשטעלונגען אויפן נפש האלקית און אַלע שטערונגען און מניעות אויף הפצת היהדות זיינען כאין ואפס ממש; אַזאַ שטאַרקע החלטה, וואָס אַפילו ווען מ'קומט צוגיין און מ'שלאָגט אים דריי מאָל — וואָס דריי מאָל איז אַ חזקה עפ"י שו"ע און ס'איז דערפון לכאורה אַ באַוויז אַז ס'איז אַ מציאות — רירט עס פונדעסטוועגן ניט אָן זיין החלטה,

פועל'ט עס, אַז אויך אַזאַ איד, וואָס געפינט זיך בעת מעשה אין לעומת זה, דערפילט אויך ער אַז עס איז דאָ אידישקייט, חסידות, אַ רבי און ז. וו. און ביז אַז דאָס איז זיין לעבן, ביז אַז ער רופט מיט אַ פשיטות: "רבי".

און סוף־כל־סוף פירט דער איד דורך מיט הצלחה און אויב נייטיג — באופן ניסי — ניט נאָר די ענינים עיקריים נאָר אויך די ענינים וועלכע זיינען טפלים בערך העיקר, און ווי דער לשון[4] פון רבי'ן (מהורש"ב) נ"ע, אַז "מ'איז גאַנץ ניט נאָר מיטן עצם נאָר אויך מיט דער התפשטות", און מיט די אַלע ענינים גייט מען אַרויס לחירות, און — "ביד רמה" ו"בריש גלי"[5].

על אחת כמה וכמה ווען אַ איד געפינט זיך אין אַ מעמד ומצב וואָס ער האָט די מעגלעכקייט צו מפיץ זיין אידישקייט אָן קיין העלמות והסתרים, און אַדרבה, ער ווערט נאָך אין דעם אַרויסגעהאָלפן, ביז אַז מ'גיט אים זיין שכר ניט נאָר בעולם הבא נאָר אויך בעולם הזה — איז אויב מ'האָט נאָר ביי זיך דעם החלט הגמור, אַז מ'מוז דורכפירן דעם אויבערשטנס שליחות און מ'ווערט ניט נתפעל פון די שוועריקייטן וועלכע מ'טרעפט אָן, קען מען זיין זיכער, אַז חפץ ה' בידם יצליח אויף צו פאַרשפרייטן תורת הנגלה והחסידות און קיום המצוות בהידור, ביז אַז עס וועט זיין "ומלאה הארץ דיעה את הוי' כמים לים מכסים", בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

ג. אויפן פסוק (אין היינטיקער פרשה)[6] "כי מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו" שטייט אין מדרש[7]: "כי מראש צורים אראנו אלו האבות וכו' משל למלך שהי' מבקש לבנות מדינה כו' בא ליתן היסוד והיו המים עולים כו' עד כו' ומצא שם צור גדול כו' כך מתחילה כו' כיון שבאו האבות וזכו אמר הקב"ה על אלו אני מכונן העולם כו'" (גלייך פון אָנהויב האָט דער אויבערשטער געזוכט אויף וואָס צו באַגרינדן די וועלט און ער האָט ניט געפונען ביז עס זיינען אויפגעשטאַנען די אבות. אַ משל צו אַ מלך וואָס האָט געזוכט צו בויען אַ מדינה כו'. ער איז געקומען לייגן דעם יסוד האָבן די וואַסערן ניט געלאָזן... ביז ער האָט געפונען אַ גרויסן פעלז, האָט ער געזאָגט, אויף די פעלזן שטעל איך אויף די מדינה. אַזוי... האָט דער אויבערשטער געוואָלט אויפשטעלן די וועלטן... ווי־באַלד עס זיינען געקומען די אבות און האָבן זוכה געווען, האָט דער

---

3) "דכאשר פתח הצינור ונמשך כו' עי"ז ביכולת כאו"א כו'" (סד"ה כי כאשר השמים, תרע"ח).

4) ראה תורת שלום ע' 246, 248.

5) ראה ג"כ לקו"ש ח"ג שיחה ליו"ד שבט.

6) ראה של"ה חלק תושב"כ ר"פ וישב וז"ל: המועדים של כל השנה.. בכולן יש שייכות לאותן הפרשיות שחלות בהן.

7) שמו"ר פט"ו, ז.

אויבערשטער געזאָגט, אויף די וועל איך אויפשטעלן די וועלט וכו׳).

דער תכלית הכוונה פון בריאת העולם וועט זיך אויספירן בביאת המשיח[8]. און פונקט ווי דער אָנהויב פון דער בריאה איז געווען אין זכות פון די אבות[9], אַזוי וועט אויך דער תכלית הבריאה — ביאת המשיח — קומען בזכות האבות. ווי דער נביא זאָגט[10], „כל הנקרא בשמי ולכבודי גו׳״ און דער תרגום טייטשט: „כל דא בדיל אבהתכון צדיקיא... עבדית להון ניסין״ (דאָס אַלץ איז צוליב אייערע אבות די צדיקים וואָס מיין נאָמען ווערט גערופן אויף זיי און צוליב מיין כבוד האָב איך זיי באַשאַפן; איך האָב צוגעגרייט זייערע גלות׳ן. כ׳האָב (אָבער) אויך געטאָן צו זיי ניסים).

דער פסוק „כל הנקרא בשמי״ קומט אין המשך צו פריערדיקע פסוקים וועלכע ריידן וועגן דעם אופן פון דער גאולה העתידה: „ממזרח אביא זרעך וממערב אקבצך אמר לצפון תני ולתי־מן אל תכלאי״.

אין דער גאולה העתידה וועלן אויס־געלייזט ווערן אַלע אידן וואו נאָר זיי געפינען זיך, בד׳ רוחות העולם, און דער פסוק איז מבאר ווי אַזוי עס וועט זיין די גאולה פון אַלע ארבע רוחות: ביי מזרח ומערב זאָגט ער דעם לשון „אביא זרעך... אקבצך״, איך וועל ברענגען דיינע קינדער און איך וועל דיר צוזאַמענקלייבן. דער אויבערשטער רעדט דאָ צו די אידן, און — ניט צו מזרח ומערב אַליין. ביי דער גאולה פון תימן (דרום) זאָגט ער „אל תכלאי״ (דו זאָלסט ניט פאַרשליסן, ניט פאַרמיידן), רעדט ער צו תימן אַליין, אַז זי זאָל ניט שטערן צו דער גאולה; און ביי צפון — וואָס איז דער מקור הרע, „מצפון תפתח גו׳״[11]) — זאָגט ער „תני״ (גיב, ברענג), אַז ניט נאָר זאָל זי ניט פאַרמיידן, נאָר זי זאָל אויך אַליין אַרויסהעלפן צו דער גאולה.

דאָס איז דער אויפטו פון דער גאולה העתידה, אַז אפילו צפון וועט אויך מסייע זיין צו דער גאולה. און אויף דעם אויפטו פון דער גאולה העתידה, אַז ניט נאָר וואָס קיינער וועט ניט שטערן, נאָר אויך אַז אפילו צפון וועט מסייע זיין, זאָגט דער נביא „כל הנקרא גו׳״, אַז דאָס אַלץ איז אין זכות פון „אבהתכון צדיקיא״, וואָס אויך ביי די אבות זיינען געווען ניסים, ענלעך צו די ניסים ביי דער גאולה העתידה, ביז — אומר לצפון תני.

ד. צווישן די נסים וועלכע זיינען געטאָן געוואָרן צו „אבהתכון צדיקיא״, איז פאַרשטאַנדיק, אַז די נסים וועלכע זיינען געווען ביי די צדיקים שבדור האחרון פאַר משיח׳ן, וואָס זיי זיינען אַ הקדמה און הכנה צו די נסים פון דער גאולה העתידה, זיינען זיי נאָך מערער בדומה צו די ניסים וועלכע עס וועלן זיין בגאולה העתידה. דאָס מיינט, אַז די נסים פון דער גאולת י״ב וי״ג תמוז זיינען געווען אין דעם סדר פון „אומר לצפון תני״.

און ווי דערציילט פריער, אַז בשעת מ׳האָט דעם רבי׳ן פאַראורטיילט צו ווערן פאַרשיקט אויף דריי יאָר גלות אין קאָסטראָמאַ, און ער האָט געשטעלט אַ תנאי אַז ער וועט אַהין ניט פאָרן אויף די נסיעה וועט אָנרירן שמירת

8) תניא פל״ו.
9) כנ״ל בשמו״ר.
10) ישעי׳ מג, ז.
11) ירמי׳ א, יד.

שבת, האָט מען דאָס אים נאָכגעגעבן און דערלויבט צו פאַרבלייבן אין טורמע ביז זונטאָג. וואָס דאָס איז דאָך פאַרקערט ווי מען פירט זיך אין בית האסורים: ווייל פונקט ווי אין דער צייט וואָס זיי ווילן עמעצן האַלטן אין בית האסורים, קען ער פון דאָרט ניט אַרויסגיין, אַזוי איז אויך בשעת זיי ווילן אים דאָרטן ניט האַלטן, קען ער דאָרט ניט אויספירן דעם „חוץ מצא" און פאַרבלייבן אין תפיסה, אָבער דער רבי האָט אויך אין דעם אויס־געפירט ווי ער האָט געוואָלט.

דאָס זעלבע איז אויך געווען ביי דעם רבי'נס פאַרלאָזן די גאַנצע מדינה: זיין אַרויספאָרן פון דאָרט איז ניט נאָר געווען אין אַן אופן פון „אל תכלאי", וואָס מען האָט אים ניט געשטערט אין דעם, נאָר ביז אין אַן אופן פון „תני" — זיי האָבן זיך באַמיט אַז דער רבי זאָל אַרויספאָרן.

וכידוע, אַז דער רבי האָט געזאָגט אַז ער וועט ניט אַוועקפאָרן סיידן מ'וועט אים לאָזן מיטנעמען אַלע זיינע ספרים און כתבים. בשעת עס זיינען געקומען די מבקרים דורכקוקן די ספרים און כתבים און זיי האָבן גע־וואָלט אָפּהאַלטן געוויסע ספרים און כתבים יקרי המציאות, האָט דער רבי געזאָגט, אַז אויב מ'וועט אַזוי טאָן וועט ער ניט פאָרן. האָבן זיי טעלע־פאָנירט פון ליענינגראַד, וואו דער רבי האָט זיך געפונען, צו די העכערע באַאַמטע אין דער עיר הבירה מאָסק־ווע, און געזאָגט אַז דער ראַבין שני־אורסאָהן — געמיינט דעם רבי'ן — סטראַשעט אַז אויב מ'וועט אים ניט מיטגעבן אַלע זיינע ספרים וכתבים, וועט ער אַליין אויך ניט פאָרן. האָט מען פון מאָסקווע געענטפערט, אַז מ'זאָל אים אַלץ נאָכגעבן און מ'האָט דעם צענזאַר באַפוילן צו אַרויפלייגן אויף יעדער ספרים־קאַסטן אַ שטעמפּל, וואָס זאָל עס דערלויבן אַריבערפירן דעם גרעניץ.

וואָס דאָס איז דער ענין פון „אומר לצפון תני": ס'איז ניט סתם אַ נס למעלה מהטבע, נאָר אַ נס וואָס דער אויבערשטער מאַכט, אַז צפון אַליין, וואָס „מצפון תפתח", זאָל מסייע זיין אויף צו אַרויסגיין פון מדידה והגבלה אין אַן אָרט פון שחרור וחירות.

ה. די נסים לצדיקים ובפרט אין דעם דור האחרון זיינען אַ הקדמה והכנה (ווי דערמאָנט אויבן) און אַ הוראה ופסק דין ווי עס וועט זיין דער אופן הגאולה העתידה דורך משיח'ן:

ניט נאָר וואָס „אל תכלאי", מ'וועט די גאולה ניט שטעלן צו אַן אָפּשטימונג און דאַרפן דערביי אָנקומען צו עמעצ־צענס רשיון, און ווי ער זאָגט אין היינטיקער הפטרה (פרשת בלק) „לא יקוה לאיש ולא ייחל לבני אדם" (אידן וועלן ניט לייגן זייער האָפענונג אויף מענטשן),

— דאָס וואָס דער אויבערשטער וועט זאָגן „לצפון תני ולתימן אל תכלאי", דאָס איז אַ „שמועס" צווישן דעם אויבערשטן מיט זיי, אָבער שארית יעקב וועט מיט זיי גאַרניט האָבן צו טאָן, „לא יקוה לאיש ולא ייחל לבני אדם" — און דאָס זעלבע אַז דער אויבערשטער „אומר לצפון תני", אַז צפון אַליין זאָל מסייע זיין צו דער גאולה.

און כאָטש אַז עס וועט אויך דאַן ניט ווערן אויס וועלט, עס וועט בלייבן אַ וועלט מיט אַ סך אומות, ווי ער זאָגט אין דער הפטרה: „בקרב עמים

רבים", און עס וועלן זיין „בהמות יער", זיי וועלן די גאולה פון אידן ניט וועלן לײדן, איז פונדעסטוועגן, ניט נאָר „לא יקוה לאיש ולא ייחל לבני אדם", נאָר „צפון תני", אַז צפון אַליין וועט מוזן מסייע זיין צו דער גאולה, און עס וועט זיין דער „ובני ישראל יוצאים ביד רמה — בריש גלי", בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

(משיחת י"ג תמוז תשכ"ב)

# בלק

א. אויפן פסוק „כי מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו" זאָגן רז"ל [1] „מראש אלו אבות ומגבעות אלו אמהות".

דער חילוק צווישן אַ פאָטער און אַ מוטער אין שייכות מיט זייער קינד:

דעם פאָטער'ס שייכות גלוי'[1*] — איז די כללות'דיקע מציאות פון קינד אָן התחלקות אברים; דער ציור הגוף פון ולד מיט אַלע זיינע פרטי אברים — ווערט דורך זיין געפינען זיך ניין חדשים אין בטן האם [2]; און דערפאַר איז אויך נאָך דעם ווי דאָס קינד ווערט געבאָרן, שטייט די מוטער צו אים מיט מער קירוב ווי דער פאָטער, ווייל זי האָט געשאַפן זיינע פרטים.

דעריבער זעט מען אויך במוחש, אַז די ליבשאַפט פון אַ קינד איז מער צו דער מוטער ווי צום פאָטער און זיין מורא איז מער פאַר דעם פאָטער [3], ווייל אהבה איז אַ תנועה פון קירוב און יראה — אַ תנועה פון ריחוק.

דער זעלבער חילוק איז אויך צווישן די אבות און אמהות פון כלל ישראל.

און דאָס איז אויך דער טעם אויף דעם וואָס ביי „מראש צורים אלו האבות" זאָגט דער פסוק דעם לשון „אראנו", וואָס ווייזט אויף אַ זען מרחוק; און ביי „ומגבעות אלו אמהות" איז דער לשון „אשורנו", וואָס מיינט אַז דער זען איז בקירוב (דאָס איז אויך וואָס דער תרגום טייטשט דעם וואָרט „אשורנו": „סכיתה", דער זעלבער אָפּטייטש ווי פון דעם וואָרט „ותבט" [4]), און הבטה מיינט דאָך קוקן מיט אַ כוונה און צוגעטראָגנקייט) [5].

ב. לידת הולד פון אב ואם, ווי יעדער ענין אין גשמיות, נעמט זיך פון זיין שורש אין רוחניות. מדות ווערן אָנגערופן „תולדות", ווייל זיי ווערן געבאָרן פון שכל: דער פאַרשטאַנד און התבוננות אין גדולת הוי', איז מוליד אהבה צו דעם אויבערשטן און יראה פאַר אים. און דער שכל המוליד גופא ווערט פאַנאַנדערגעטיילט בכלל אין צוויי טיילן: חכמה און בינה. חכמה איז די נקודה פון דעם פאַרשטאַנד, און דעריבער ווערט חכמה

---

1) במדב"ר פ"כ, יט. תנחומא בלק יב. זח"ג רי, ב.

1*) והא דלובן ממנו עצמות וכו' (נדה לא, א) — בא בפועל ונתגלה רק ע"י השהי' בבטן האם.

2) תניא פ"ב.

3) ראה קידושין ל, סע"ב (הובא בפירש"י ויקרא יט, ג). וכן הוא גם בנוגע לאב ואם ברוחניות — חכמה ובינה, שמחכמה נולדת (והיא עצמה) יראה, מבינה (והיא עצמה) — אהבה.

4) בראשית יט, כו.

5) ראה פירש"י במדבר כא, ח. ולפעמים מבואר דאשורנו (הבטה) — מרחוק וראי' — מקרוב — ושתי הדעות באיכ"ר רפ"ה. וראה ד"ה כי מראש צורים — להצ"צ (אוה"ת בלק ע' תתקיד).